## בס״ד. שיחת טו״ב כסלו ה׳תשמ״א

**התוועדות בקשר לחגיגת סיום והכנסת ספר תורה שנכתב ע״ש כ״ק אדמו״ר והרבנית**
**– לרגל מלאות חמשים שנה לחתונתם ולרגל שנת השלשים לנשיאות –**
**שתתקיים בי״ט כסלו בביהכ״נ ״בית מנחם״ בכפר חב״ד**

**הנחה פרטית בלתי מוגה**

ס׳איז דאָ דאָך דער באַוואוסטער בריוו פון נשיא דורינו, פון רבי׳ן דעם שווער, בנוגע צו הכנסת ספר תורה, וואָס זי איז פאַרבונדן מיט א סיום פון ספר תורה, וואָס זי איז פאַרבונדן מיט כתיבת ספר תורה, וואָס דער בריוו איז שוין אָפּגעדרוקט און מפורסם, און די וואָס האָבן אים ניט קענען אים מסתמא איצטער אויך באַקומען.

וואָס דאָרטן שרייבט ער אויך בנוגע כמה פרטים ומנהגין וואָס זיינען דערמיט פאַרבונדן, צווישן זיי אויך — אַז עטלעכע טעג פאר דעם סיום והכנסת ספר תורה איז מען מפרסם וועגן דערויף אין אלע בתי כנסיות שבעיר.

און דאָס וועט געטאָן ווערן ״ברוב עם״ בעתו, אין אַ פּאָר טעג לאח״ז, ווי ער זאָגט אין דעם מכתב אַז דער פרסום הויבט זיך אָן מיט אייניגע טעג ״לפני הסיום והכנסת הספר תורה״.

וואס דורך אט דער שמיעה ערוועקט דאס ביי עם וואס ס׳איז דא ביי יעדער אידן אן אות בתורה,

וואס ישראל איז דאך ישראל אַ ר״ת ״**י**ש **ש**שים **ר**יבוא **א**ותיות **ל**תורה״, וכמבואר ומפורסם אז דאס איז דערפאַר וואָס יעדער איד האָט אַן אות אין תורה.

איז דאס דאך נאָכמער ביתר שאת וביתר עוז, אַז יעדער ספר תורה איז מאחד אַלע ששים ריבוא מישראל, וואס דאס איז די נשמות כלליות, און דערנאך איז דאך ווי דער אלטער רבי זאגט אין תניא אַז יעדערער פון זיי קומט דערנאך אראפ אין ששים ריבוא נשמות פרטיות,

וואָס דערפאַר, איז בשעת דער אויבערשטער בענטשט אידן, און ס׳איז אַ מספר רב יותר פון ששים ריבוא בפשטות — איז דאס אלץ אין די ששים ריבוא אותיות לתורה, און **יעדערער** פון זיי האָט אַן אות אין דער תורה.

און אז עס ווערט געשריבן נאך אַ ספר תורה, וואס יעדער ספר תורה איז דאך ״חדשים״ ממש, אָן אַ כ״ף הדמיון, ווי די ערשטע ספר תורה וואָס זי נעמט זיך פון די עשרת הלוחות וואָס דערנאָך איז ״ויכתוב משה״ די ספר תורה, און ער האָט געשריבן אויכעט דרייצן ספרי תורה פאַר יעדער שבט פאר זיך, און א ספר תורה וואָס מ׳האָט אַריינגעגעבן אין משכן, און לאח״ז — אין ביהמ״ק, צוזאמען מיט׳ן ארון הקודש,

וואס דאס איז דאך מאחד די אַלע צוועלף, אַז דאס ווערט פון זיי **איין** ענין.

און דערנאָך עד״ז בשעת אפילו אַ יחיד איז מקיים די מצוה פון ״וכתב את ספר התורה הזאת״ וואס דאס איז דאך א מ״ע מן התורה, איז דאס א מצוה חדשה פונקט ווי בפעם הראשונה, און זי האט אין זיך די ששים ריבוא אותיות, וואס דאָס איז כולל אַלע אידן,

וואס אזוי איז דאך אויכעט אין דער כתיבה פון א ספר תורה איז מען דאך אויך מאסף ומקהיל און מ׳מאכט איין קהל אין איין ס״ת ״האנשים הנשים והטף״ גלייך ווי א קינד ווערט געבארן איז מען עם אויך מצרף לכל ענינים אלו,



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.

# LIVING TORAH

## שמחת תורה

איז דאס נאכמער מדגיש בגלוי דעם ענין אז דאס איז אן **איין און איינציקע** ס״ת, וואָרום אין דערויף באשטייט דאך די אמיתית און שלימות פון אַ יעדער ספר תורה, ניט ווי דאס איז כל יריעה בפני עצמה, אָדער כל ספר בפני-עצמו, אָדער עטליכע ספרים בפני עצמם —

נאָר ווי ער זאָגט אין זהר, ווי דערמאנט פריער, אין דעם זהר וואָס מ׳זאָגט אין ״מענה לשון״ בשעת מ׳איז מבקר אויפן בית החיים פון צדיקים, וואָס זיי זיינען דאך ״דומין לבוראן״ און חיים בחיים נצחיים, אַז כדי אַ ספר תורה זאָל זיין בשלימות תוקפה וקדושתה — דאַרף אין איר זיין יעדער אות בשלימותו ובמקומו און אַ ״מוקף גויל״, מיט אַלע פרטי הביאורים שבזה, ווי ער זאגט אין לקו״ת אויף די ענינים,

ואין ענין יוצא מידי פשוטו:

אַז אַ ספר תורה איז ח״ו צו זאָגן אַז זי איז אין חלקים, וואָס דעמולט פעלט דאס אין איר שלימות — נאָר דאס איז בהדגשה **אײן-און-איינציקע** זאַך. אע״פ וואס זי **דארף** באשטיין פון ששים ריבוא אותיות, און דערצו נאך תגים, וכיו״ב.

אויך דעם ענין הקלף והלבן וואָס איז דאָ אין דעם, וואָס דאָס באַווייזט אויפן אור מקיף, וואָס דאָס באַווייזט אויף די פשיטות העליונה פון דעם וואָס ער איז פשוט בתכלית הפשיטות — וואס דאס איז עצמות ומהות אַליין, וועלכער זאָגט ״אנא נפשי כתבית יהבית״, ער האָט זיך אַריינגעגעבן אין אַ ספר תורה.

און בשעת עס קומט צו א נייע ספר תורה, איז ניט אַז דאס קומט צו עפעס אַ הוספה — דאס קומט צו דער עיקר — ע״ד ווי ס׳איז געווען בפעם הראשונה במ״ת, וואס אין די לוחות איז שוין געווען ״מזה ומזה הם כתובים״, די גאַנצע ספר תורה בשלימותה כולל אויך תושבע״פ, און אזוי ווערט דאס נתחדש בכל ספר תורה,

און ווי פארשטאנדיק אויף פון דעם אגה״ק פון דעם אלטן רבי׳ן בנוגע לראש השנה אז בכל שנה ווערט נמשך אן אור חדש וואס איז נאך קיינמאל ניט געווען אזא אור,

און וויבאלד אז מ׳זאגט אז אין ענעני קדושה האט דער אויבערשטער אנגעזאגט לישראל ״עם קרובו״ אז ס׳דארף זיין ״להעלות בקודש״, ״מעלין בקודש״, עאכו״כ אין אן ענין פון ס״ת איז עס דאך זיכער אז דער אויבערשטער ״מגיד דבריו ליעקב חוקיו ומשפטיו לישראל״ — איז ער מקיים ווי ער האָט אָנגעזאָגט אידן, אַז איז ״מעלה בקודש״.

און אַז מ׳איז מסיים און מ׳טראָגט אַריין (אין צוויי טעג ארום) אַ נייע ספר תורה, ווערט נמשך אַן ענין חדש וואָס איז נאָך קיינמאָל ניט געווען אזא ענין.



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.